Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

# Ṿinṭer

Brenner, Yôsēf Ḥayyîm
ברנר, יוסף חיים

Ṿarshe, 1936

כג

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8203

## כג

בין מנחה למעריב, נאך „שלש סעודות", בין איך געזעסן אינדעדהיים. פינסטערקייט־שאָטנס האָבן ארומגעבלאנדזשעט. אין מיין קינדהיים פלעגט מיין מאמע אין דער צייט, איידער זי פלעגט אפזאזן „אתה חוננתנו" און אנצינדן דאָס ליכט, מיך ארויפנעמען אויפן אויוון און פלעגט מיך שטילערהייט צו דריקן צו איר הארץ. ארום איז א שרעקנדיקע טונקלקייט און א וואונדערלעכער טרויער... און זי שעפטשעט מיר שטיל אין די אויערן אריין וועגן פארבאָרגענע צדיקים, וועלכע האָבן זיך מוסר נפש געווען אויף קידוש־השם, וועגן העלדישע קינדער, וועלכע זענען אויסגעשאכטן געוואָרן צוליב זייער אמונה, וועגן צוויי ברידער, איינער א רייכער און איינער אן אָרימער...

— און ס'איז געקומען, זון מיינער, דער אָרימער ברודער צו זיין ברודער דעם רייכן און ער האָט געוויינט פאר אים; די פארשטייסט, זון מיינער, ער האָט געבעטן, ר'זאָל איך אויף אים מרחם זיין, „ברודער! ברודער! — האָט ער זיך געבעטן — דריי טעג און דריי נעכט איז קיין עסן נישט געקומען אין מיין מויל אריין; מיינע קינדערלעך מיינע פויגעלעך גייען אויס פון הונגער; דערבאַרעם זיך אויף מיר און גיב מיר פאר זייערטוועגן א קליין שטיקל ברויט, איך קען דאָך דיין ברודער; וויאזוי האסטו דאס אין דיר גאר קיין רחמנות נישט?" — און די טרערן זיינע פליסן, פליסן...

„יא, איך דערהרגע מיך טאקי נישט — האָב איך געטראַכט ארומגייענדיק אין שטוב אהין און אהער — ווייל בעל־ברחי לעב איך... א בלינדער ווילן צום לעבן... נישטא זיך

וואס צו נאַרן... אבער פונדעסטוועגן קען מען נישט לייקענען, אז עס זענען דאָ אויך פאראן פארבארגענע זיידענע פעדים, וועלכע בינדן מיך צו צום לעבן"...

עפעס אַ משונהדיק ברויזן האָט ארומגעטאַנצט אין מיין הארץ, וויינען האב איך געוואלט, וויינען אויפן לעבן פון דער גאנצער נאטור, אויפן חורבן פון מיין וועלט, אויף די אומזיסטע מעשים, וויינען אָן אַ סוף, אָן אַ ברעג. מיין מאמעס דערמאנונג, אז ס׳איז שוין צייט צו דאווענען מעריב, איז מיר אויסגעקומען פשוט, נאטירלעך און נויטיק און ווען זי האט אנגעהויבן דערנאָך, באַקומענדיק מוט דורך דער צערטלעכ־קייט און ליבלעכקייט, וועלכע מיינע אויגן האבן אויס־געדריקט, צו שמועסן מיט מיר און מיר דערציילן פאַר־שידע:ע פרטים פון איר לעבן, כדי אויסצוווייזן, אז סוואלט נישט געווען קיין עבירה, ווען איך וואלט זיך דערמאנט זיי א:נטערצושטיצן — האב איך בלויז פארמאָגט אַ שטארק שולד געפיל, אַ געפיל פון שולד און שעמען זיך!

— איך ווייס, מיין זון, אז סאיז דיר שווער דאָס לעבן ביי אונז אין שט:ב, זאלסט נישט מיינען, אז איך פארשטיי גאָרנישט, אונזער עסן... אונזער דירה.. אָבער זיי וויסן, מיין זון, אז מיר האָבן באשלאָסן, דער טאטע זאל דינגען אַ „חדר" ערגעץ אנדערש און דיר זאל ווערן גרוימער, דער טאטע... מיין נישט, מיין זון אַז ער האט דיך נישט ליב, ווען דו וואלסט געזען זיין התפעלות דעם ערשטן טאג פון דיין קומען, וואלסטו דאמאלס אנדערש געטראכט. אויפגענומען האָט ער דיך, טאקי, נישט איבעריק הייס, אָבער דערנאך ווען מיר זענען אַרויס אין מאַרק אַריין, האָט ער נישט דורכגעלאָזן אפילו קיין איין מענטש, ווענען ער זאָל נישט אָנזאָגן וועגן דיין קומען... און זיין אויפפירונג מיט דיר — איך ווייס, ווי שווער זי איז פאַר דיר, אָבער וואָס זאָל מען טון, מיין זון? אַזאַ נאַטור האָט ער... ער וועט קיינמאָל נישט זאָגן „גוט"... אפילו איך זאָל קויפן די גרעסטע „מציאה", וועט ער נישט זאָגן קיין „דאַנק". — איך לעב דאָך שוין מיט אים מער פון

צוואַנציק יאָר, און דו ווייסט נישט, מיין זון, וויפל כ׳האָב
זיך אָנגעליטן דורך דערדאָזיקער לאַנגער צייט... איך האָב
זיך צוגעוואוינט — און דאַנקן גאָט!.. ער איז דאָך נישט קיין
שיכּורער ערל, ער זאָל מיך שלאָגן... אַזאַ נאַטור האָט ער...
אויב דו ווילסט אויסהערן, ירמיה (איך פאַרגעם דיר דיין צייט
מיט מיינע נאַרישקייטן), וועל איך דיר דערציילן, מיין זון,
וואָס ביי אונז האָט געטראָפן פאַר עטלעכע חדשים... ניין!
וואָס רעד איך? דאָס איז געווען נאָך פּסח, פון אָנהויב
„זמן”... דו ווייסט אוודאי, אַז דידאָזיקע צייט איז פאַר
אונז זייער אַ שווערע, דער פּסח עסט אויף די גאַנצע אַרבעט...
לוי-מענדל, דער וואָס איז געווען אַ בריוטרעגער, איז אונז
נעבליבן שולדיק צען רובל שכר-לימוד פאַר די צוויי יינגלעך,
וואָס האָבן געלערנט אין „חדר” ביי שלום געצלען... גאַנצע
צען רובל... לוי-מענדל איז שטענדיק געווען אַ גוטער צאָלער,
נאָר ווען ער האָט פאַרלוירן זיין שטעלע, איז ער פאַרבליבן
אַן אָרימאַן אַן אביון, און האָבן ער האָט דערוואַקסענע טעכ-
טער און נישט צען רובל — אפילו קיין צע גראָשן איז ער
נישט געווען ביכולת צו באַצאָלן, און דער „צער בעלי היים”
איז דאָ געווען זייער גרויס... אָבער וואָס זענען מ י ר שולדיק?
מיט וואָס קענען מיר אים העלפן? בלויז דער רבונו של עולם,
ער אַליין קען זיך אויף אים מרחם זיין... אַ האַרצווייטיק...
צען רובל... מיר האָבן געשריגן... מיר זענען געווען אין כּעס,
נאָר גיי שריי „שמע ישראל”... די נשמה וועסטו דאָך נישט
נעמען פון אים... בקיצור, דער טאַטע האָט זיך שוין געזעצט
לערנען מיט זיינע תּלמידים (צוויי האָבן אים נאָך צוגעפעלט
צו דער נויטיקער צאָל) — און איך לייג זיך אוועק אין בעט
אַריין..! ק י י ן קרענק איז ביי מיר נישט געווען, נאָר אַזוי...
די כּוחות זענען מיר אויסגעגאַנגען... כ׳האָב קיין כּוח נישט
אַרומצוגיין... פאַר פּסח בין איך „געשטאַנען” אין אַ בעקעריי
פון מצות... דערנאָך איז פריידע דיין שוועסטער געווען
עפּעס נישט געזונט אַרום אַ וואָך צייט — האָבן זיך מיר
אויסגעלאָזט די כּוחות... בקיצור, מיין זון, איך ליג אויפן

קראַנקנבעט, און אין שטוב — אַ חורבן, קיין שום זאַך איז
נישט אויפן געהעריקן אָרט, נישטאָ, ווער ס׳זאָל אָנווארימען
אַ לעפל וואַסער... פריידע איז דאָך נאָך אַ קינד... און זי
איז נאָך אויך נישט אינגאַנצן געזונט געוואָרן... דער טאַטע
האָט אויפגעהערט צו לערנען מיט זיינע תּלמידים, ער שטייט
טאָג און נאַכט ביי איין בעט, ער עסט נישט, ער טרינקט
נישט... בקיצור, וואָס זאָל איך דיר לאַנג מאריך זיין, מיין
זון? דער איינציקער גאָט האָט זיך נאָר געדאַרפט אויף אונז
אַרומקוקן... מ׳דאַרף נישט קיין „תּשעה באב"!.. וואָלט כאָטש
געהאַט געקומען צו מיר אַ דאָקטאָר... אָבער דער רבונו של
עולם איז דאָך אַ דערבאַרמדיקער פאָטער... מיט איין האַנט
שלאָגט ער און מיט דער אַנדערער היילט ער... אין עטלעכע
וואָכן אַרום האָט מיר אָנגעהויבן בעסער ווערן... אַרומגיין
האָב איך נאָך, אמת, נישט געקענט, נאָר אַזוי—... ס׳איז מיר
געוואָרן לייכטער... איך ליג... דער טאַטע איז אין שטוב...
און דער אַפּעטיט צום עסן האָט זיך ביי מיר דערוועקט, ווי
אַלע קראַנקע, וועלכע נעמען געזונט ווערן. אַ שטיקל ברויט
איז אפשר יאָ דאָ געווען אין שטוב — כ׳געדענק נישט —
אָבער פאַר מיר דאַרף מען האָבן אַ זעמל... און קיין צוויי
גראָשן איז נישטאָ, וואו צו קריגן!.. זאָג איך דאַן צו בערעלען,
אָט צו דיין ברודערל (איך זאָל נאָך אַזוי זוכה זיין צו זען
אין אים אַ גוטן יידן!): „לויף אַריבער, מיין זון, צו מאָטל
ירוחם דעם קרעמער און בעט ביי אים אַ האַלבן רובל (מאָטל-
ירוחמ׳ס יינגל האָט נאָך פריער אויך געלערנט ביי אונז
אין „חדר" — און דער חוב איז נאָך געווען פונם פריערדיקן
„זמן"). אפשר וועט ער געבן... זאָג: די מאַמע קען נישט
אויפשטיין... אַ יידיש האַרץ!.. אפשר וועט ער רחמנות האבן"...
בקיצור, בערעלע איז אַריבערגעלאָפן און צוריקגעקומען מיט
אַזאַ תּשובה (כ׳זאָל אַזוי זוכה זיין צו רעדן מיט זיין כלה);
„מאָטל ירוחם איז נישטאָ אינדערהיים און חיה-דוואָיע" זיין
ווייב (אַ גוטע ארורה!) האָט געהייסן זאָגן: פאַרוואָס „שכאַי-
למוד"? פאַר דעם, וואָס די יינגלעך גייען נישט אין „כיידער"

„אַ צין״? נישטאָ קיין געלט!״ נו, וואס טוט מען?.. ס׳איז נישט קיין נייעס צו קריגן אַזאַ תשובה. איך שווייג... אויך דער טאַטע דיינער וואלט אַן אַנדערש מאל איינגעגראָבן דאס פּנים אין דער ערד און געשוויגן.. „אַז מען קען נישט אַריבער — מוז מען אַרונטער״... אבער יענץ מאל — דאס האַרץ ווערט צעריסן אויך אַן דעם, דאס בלוט קאָכט, די צרה איז גרויס— האט ער זיך תיכף „אנגערופן״: וואס ט׳זי געזאגט? לאזט מיך! איך וועל אליין אַהינלויפן! איך וועל אַליין בעטן! זי וועט געבן, דאַכט זיך״! — אַז מיר האבן דערהערט זיין שרייען און אַז מיר האבן דערזען זיין פּנים און זיין לויפן אַן אַן אויבערשטן בגד, אַן גאַרנישט — איז אונז דאס האַרץ אפּגע־שטאָרבן... דאָס בלוט — ווי אייז... דיין שוועסטער פריידע האָט זיך אין אים איינגעקלאַמערט מיט אַ יאָמער: „טאַטע! טאַטע!״ אין אויך איך שריי מיט מיינע לעצטע כּוחות: „שלום געצל, בלייב אין שטוב, מ׳דאַרף קיין געלט נישט, זאָלסט אַהין נישט גיין!״ איך קען דאָך אים שטענדיק... בפרט אין אַזאַ צייט... פון גרויס פּיין, איז אַזאַ מענטש, ווי ער, פעאיק צו מאַכן דאָרט סקאַנדאַלן, צו ברעכן, צו שטעכן... אפילו צו שלאָגן... בקיצור מיר יאָמערן און בעטן זיך, ער זאָל בלייבן זיצן אויפן אָרט, און ער רייסט זיך: „ניין! לאָזט מיך! אויב מיינע תלמידים גייען אַרום ליידיק — וועל איך זי אויסלערנען!״ און אַ פּנים איז ביי אים ווי ביי אַ גזלן... בקיצור, וואָס זאָל איך דיר מאַרין זיין, מיין זון? אַז איך בין נאָך יצנער ווילע געבליבן לעבן, — בין איך שטאַרקער פון פעלזנשטיין... איך געדענק נישט, ווי אַזוי איז אויף אים אָנגעקומען די גוטע מינוט... מיט מיינע לעצטע כּוחות בין איך אַראָפּ פון בעט און האָב זיך געבעטן ביי אים... ענדלעך איז ער אַוועק פון טיר און איז אַנידער־געפאַלן אויף דער קאַנאַפּע... און זיין פּנים — אַ שענערס דער־פון לייגט מען אין קבר אַריין... איך האָב זיך אומגעקערט אַ גוססע אין בעט אַריין, ממש אַ געשטאָרבענע, ווי ס׳דאַרף צו זיין... און ער איז געזעסן ביז מנחה און געוויינט איך

האָב אים נאָך קיינמאָל נישט געזען אזוי וויינענדיק... ממש ווי א קינד... „יתומימלעך קליינע", „יתומימלעך קליינע" — מער האט מען פון זיין מויל נישט געהערט — און ער וויינט!.. וויינט !..

---